א. כרגיל צו לערנען א פסוק מיט פרש"י אין פרשת השבוע, און אויך א ענין אין די הערות אויף זהר -

אין פסוק ויאמר אדנ-י אם נא מצאתי חן בעינך אל נא תעבור מעל עבדיך (פרשתנו ח"י,ג) שטעלט זיך רש"י אויף "ויאמר אדנ-י אם נא וגומר", און איז מפרש: "לגדול שבהם אמר וקראם כולם אדונים, ולגדול אמר אל נא תעבור, וכיון שלא יעבור הוא יעמדו חבריו עמו. ובלשון הזה הוא חול". [און דערנאך איז ער מפרש א צווייטן פירוש, כדלקמן].

דארף מען פארשטיין: בתחלת פירושו זאגט רש"י "לגדול שבהם אמר" אז אברהם האט געזאגט "אדנ-י אם נא וגומר" (ניט צו אלע דריי אנשים, נאר בלויז) צום גדול שבהם, טא וואס זאגט רש"י גלייך ווייטער "וקראם כולם אדונים"?

ב. דערנאך איז רש"י ממשיך: "דבר אחר קודש הוא, והי' אומר להקב"ה להמתין לו עד שירוץ ויכניס את האורחים. ואע"פ שכתוב אחר וירץ לקראתם, האמירה קודם לכן היתה, ודרך המקראות לדבר כן, כמו שפירשתי אצל לא ידון רוחי באדם (בראשית ו, ג.) שנכתב אחר ויולד נח, וא"א לומר אלא א"כ קודם גזירת ק"כ שנה".

איז אין דעם ניט פארשטאנדיק:

א) צוליב וואס דרף רש"י זאגן צוויי פירושים?

ב) פארוואס קומט דער פירוש "הוא חול" אלס ערשטער (עיקר'דיקער) פירוש, און דער פירוש אז "קודש הוא", אלס צווייטער?

נאך מער: וויבאלד דער ווארט אדנ-י ברוב המקומות גייט אויף דעם אויבערשטן, קומט דאך אויס אז דער פירוש "הוא חול" (אז דער טייטש פון ווארט אדני דא איז אנדערש ווי ברוב המקומות) איז ווייטער פון פשוטו של מקרא ווי דער פירוש "קודש הוא" - טא פארוואס קומט דער פירוש "הוא חול" אלס ערשטער (און עיקר)?

ג) אז דאס איז "חול" זאגט רש"י בסיום "הלשון", און אז דאס איז "קודש" זאגט ער בתחלת "הלשון" - וואס איז דער טעם השינוי?

ג. נאך דעם ווי רש"י פארענדיקט ביידע פירושים (לשונות), איז ער מוסיף: "ושתי הלשונות בב"ר". איז אין דעם ניט מובן:

א) צוליב וואס דארף רש"י מציין זיין דעם מקור פון די פירושים?

ב) ווען רש"י וויל שוין יאָ מציין זיין דעם מקור, האט ער געדארפט (כרגיל בפירושו) מקדים זיין בתחלת הפירוש "איתא בב"ר" - פארוואס זאגט ער פריער די צוויי פירושים, און דערנאך "שתי הלשונות בב"ר"?

ג) אין ב"ר (שלפנינו (פמ"ח, י)) איז דא נאר איין פירוש - דער פירוש אז דאס איז א לשון של חול. מוז מען זאגן (ראה גם פי' מהרז"ו לב"ר שם), אז רש"י האט געהאט א גירסא אין ב"ר וואס ברענגט ביידע פירושים (ווי רש"י זאגט "ושתי הלשונות בב"ר"). ס'איז אבער ניט מובן: אין גמרא אין שבועות לה, ב ווערן געבראכט ביידע פירושים (און דארטן איז ניטא קיין גירסאות בזה). איז פארוואס ברענגט רש"י אלס מקור פון ביידע פירושים פון ב"ר, וואס דאס איז לויט זיין גירסא (ניט די גירסא הרווחת), און ברענגט ניט די גמרא אין שבועות?

ד. איז דער ביאור בכל זה:

נאך ויאמר אד' אם נא מצאתי חן גו' מעל עבדך, שטייט (פרשתנו שם, ד-ה) "יוקח

הנחה פרטית בלתי מוגה

נא מעט מים ורחצו רגליכם וגו' ואקחה פת לחם וסעדו לבכם וגו'". און וויבאלד אז פאר "יוקח נא מעט מים וגו'" שטייט ניט נאכאמאל "ויאמר", איז פארשטאנדיק, אז "אם נא מצאתי חן וגו'" און "יוקח נא מעט מים וגו'" איז איין אמירה ["אם נא מצאתי חן וגו'" קומט אלס הקדמה צו "יוקח נא מעט מים וגו'"].

און וויבאלד אז "יוקח נא מעט מים ורחצו רגליכם גו'" האט אברהם געזאגט צו די "שלשה אנשים", פארשטייט דעריבער דער בן חמש למקרא (בפשטות), אז אויך די תחלת האמירה "אדנ-י אם נא וגומר" איז געווען (ניט צום אויבערשטן, נאר) צו די "שלשה אנשים" [און דעריבער הויבט ניט אן רש"י זיין פירוש מיט "חול הוא", ווייל דער בן חמש למקרא פארשטייט עס אליין (אלא שאעפ"כ אומר זה בסיום הלשון, כדלקמן ס"ז)].

עס שטעלט זיך אבער די שאלה: פארוואס האט אברהם גערעדט צו די "שלשה אנשים" (ניט בלשון רבים, נאר) בלשון יחיד - "אם נא מצאתי חן בעיניך אל נא תעבור מעל עבדך"?

אויף דעם איז רש"י מפרש "לגדול שבהם אמר" - אז ער האט עס געזאגט נאר צום גדול שבהם, צו איינעם, און דערפאר האט ער געזאגט בלשון יחיד.

ס'איז אבער ניט מובן: בשעת עס זיינען דא "שלשה אנשים" און מען ווענדעט זיך נאר צו איינעם (אפילו צום גדול שבהם), איז עס היפך הנימוס וכו' - טא ווי קומט עס, אז אברהם האט גערעדט נאר לגדול שבהם און ניט משים לב געווען צו די אנדערע?

דעריבער איז רש"י מוסיף "וקראם כולם אדונים": אז בלויז דער "אמר" (זיין אמירה "אם נא וגומר") איז געווען "לגדול שבהם", אבער דער אנרופן אדנ-י (פאר זיין זאגן "אם נא וגומר") איז געווען צו אלע שלשה אנשים (ועפ"ז יובן דיוק לשון רש"י מה שגבי "לגדול שבהם" אומר "אמר", וגבי "כולם אדונים" - "קראם") - קראם כולם אדונים (בגו"א כאן, דמ"ש רש"י "לגדול שבהם אמר" הוא "כדי לתרץ לשון אדנ-י בקמץ" ש(עיקרו) הוא לשון יחיד. ע"ש בארוכה. אבל מדיוק לשון רש"י "לגדול שבהם אמר וקראם כולם אדונים" מוכח שהקריאה אדנ"י היתה לכולם (כבהערה הקודמת)).

עס בלייבט נאך אבער ניט מובן: אברהם האט דאך געוואלט אז אלע שלשה אנשים זאלן בלייבן בא אים, טא פארוואס האט ער געבעטן אל נא תעבור נאר בא איינעם?

אויף דעם איז רש"י ממשיך: "ולגדול שבהם אמר אל נא תעבור, וכיון שלא יעבור הוא, יעמדו חבריו עמו" - אז דורך זיין זאגן "אל נא תעבור" צום גדול האט ער באווארנט אז אויך חבריו זאלן בלייבן (ועפ"ז יובן: (א) מה שרש"י כופל עוד פעם "ולגדול אמר". (ב) מה שבפעם הא' אומר "אמר" סתם, ובפעם הב' "אמר אל נא תעבור").

און הגם אז אין דעם בעטן פון זיי איז ניטא קיין תועלת [ווארום אויב דער גדול שבהם וועט אוועקגיין, וועלן אויך זיי גיין מיט אים, ולאידך: בשעת אז "לא יעבור הוא" איז "יעמדו חבריו עמו"], פונדעסטוועגן: וויבאלד אז דורכן בעטן "אל נא תעבור" נאר ביים גדול שבהם קען זיך שאפן א איינדרוק אז ווענן זיי ארט אים ניט, האט ער געדארפט בעטן אויך בא זיי "אל נא תעברו"?

דעריבער זאגט רש"י "דבר אחר קודש הוא והי' אומר להקב"ה להמתין לו וכו'", אז די אמירה "אדנ-י אם נא וגומר" איז געווען (ניט צו די שלשה אנשים, אלס הקדמה צו "יוקח נא מעט מים ורחצו רגליכם וגו'", נאר) צום אויבערשטן, "להמתין לו עד שירוץ ויכניס את האורחים".

ו. אבער דעם פירוש ברייגנט רש"י אלס צווייטער פירוש (וואס איז ווייטער פון פשוטו של מקרא), ווייל:

א) פון דעם וואס פאר "יוקח נא מעט מים גו'" שטייט ניט (נאכאמאל) "ויאמר", איז מוכח (כנ"ל ס"ד) אז דער "ויאמר" פון אונזער פסוק איז געווען צו די "שלשה אנשים".

ב) עס לייגט זיך ניט אין שכל, אז בשעת דער אויבערשטער איז געווען בא אברהם'ן, זאל אברהם לויפן צו די אורחים און פארלאזן דעם אויבערשטן, (בגמרא (שבת קכז, א. שבועות לה, ב) למדו מכאן, ד"גדולה הכנסת אורחין מהקבלת פני שכינה". אבל בפרש"י עה"ת לא הובא זה), און (עאכו"כ) נאך בעטן בא אים ער זאל ווארטן אויף אים.

ג) [ונוסף לזה: בשעת אז די מלאכים זיינען געקומען צו אברהם'ן, וואס איינער פון זיי איז געקומען "לרפאות את אברהם", איז אברהם גלייך אויסגעהיילט געווארן (ווארום די רפואה וואס קומט דורך א מלאך, נעמט דאך ניט קיין צייט). און וויבאלד אז דער "וירא אליו ה'" איז געווען בכדי "לבקר את החולה", קומט דאך אויס, אז דורך אברהם'ס בעטן ביים אויבערשטן "להמתין לו עד שירוץ ויכניס את האורחים" (נאך דעם ווי אברהם איז שוין אויסגעהיילט געווארן), האט ער אויפגעהאלטן דעם אויבערשטן אומזיסט (ואף שאברהם לא ידע מזה - הרי לא יאונה לצדיק כל און, ואיך אפשר שאברהם יעכב את הקב"ה בחנם - גם שלא בידיעתו), אן קיין תועלת, וויבאלד אז נאך דעם וואס "יכניס את האורחים" איז שוין ניט שייך "לבקר את החולה"].

און היות ווי די שאלות (הנ"ל) אין דעם פירוש "והי' אומר להקב"ה כו'" זיינען שווערער פון די שאלה (דלעיל ס"ה) אין דעם פירוש "לגדול שבהם אמר", דעריבער קומט דער פירוש (והי' אומר להקב"ה כו') אלס צווייטער פירוש.

ז. ע"פ הנ"ל וועט ווערן פארשטאנדיק דער שינוי, וואס "בלשון הזה חול הוא" קומט רש"י אין סיום פון (ערשטן) פירוש (לשון), און "קודש הוא" זאגט ער אין אנהויבס פון צווייטן פירוש (לשון):

ווייל פון פשטות המשך הכתובים, איז מוכח (כנ"ל) אז דער "ויאמר" איז געווען צו די שלשה אנשים.

און דעריבער, איז אין ערשטן פירוש וואו ער לערנט אז אדנ-י גייט אויף די אנשים, און דער חידוש פון דעם פירוש איז "לגדול שבהם אמר וכו'" - הויבט ער ניט אן דעם פירוש מיט "חול הוא", ווייל ניט אין דעם באשטייט דער חידוש פון דעם פירוש, דער בן חמש למקרא פארשטייט עס אליין.

נאר היות וויל ס'איז פארט ניט גלאטיק אז מען זאל נוצן דעם ווארט אדנ-י אויף א מענטש - באווארנט דעריבער רש"י בסיום הפירוש "ובלשון זה חול הוא", אז דער ווארט אדנ-י דא איז אנדערש ווי ברוב המקומות.

משא"כ אין צווייטן פירוש זאגט רש"י "קודש הוא" בתחלת הפירוש - ווייל: (א) אז אדנ-י דא איז "קודש", איז א חידוש. (ב) פון די הוכחות און יסודות אויף דעם פירוש "והי' אומר להקב"ה" (ניט ווי בפשטות אז די אמירה איז געווען צו די שלשה אנשים) איז, וואס לויט דעם פירוש איז דער טייטש פון ווארט אדנ-י ווי אומעטום. און דערפאר הויבט אן רש"י "קודש הוא" - ווייל דאס איז פון די הוכחות און יסודות אויף מפרש זיין והי' אומר להקב"ה.

ח. און וויבאלד אז ביידע פירושים זיינען (ניט נאר גלאטיק (כבכל מקום שמפרש רש"י ב' פירושים, מפני שכל אחד מהם איננו גלאטיק - ואעפ"כ איננו מציין למדרש, כי שניהם הם בדרך הפשט ממש), נאר) ווייט פון ריינעם פשט - איז דעריבער רש"י מוסיף "ושתי הלשונות בב"ר", אז דער מקור פון ביידע פירושים איז אין מדרש (ס'איז אבער אזא דרש וואס איז (בל' רש"י (בראשית ג, ח) "אגדה המיישבת דברי המקרא").

הנחה פרטית בלתי מוגה

און דערפאר זאגט רש"י "ושתי הלשונות בב"ר" אין סיום פון זיין פירוש - ווייל ערשט לאחרי ווי מען לערנט די ביידע פירושים און מען זעט ווי זיי זיינען ווייט פון ריינעם פשט, דאן דוקא דארף מען אנקומען צו דער באווארעניש אז זיי זיינען גענומען פון מדרש.

ועפ"ז איז אויך פארשטאנדיק וואס רש"י איז מציין צו ב"ר און ניט צו דער גמרא אין שבועות ווייל די ענינים אין גמרא וואס מען לערנט אפ פון פסוקים, זיינען פיל פון זיי אויך ע"ד הפשט. און בכדי צו מדגיש זיין אז די צוויי פירושים זיינען על דרך הדרש, זאגט דעריבער רש"י "ושתי הלשונות בב"ר" (מדרש).

ט. אין די הערות אויף זהר (פרשתנו ע' סט), שטעלט זיך דער טאטע אויף דעם וואס עס ווערט דערציילט אין זהר (ח"א קא, ב) אז עס איז געווען א גזירה אויף "כפר טרשא", און דורך דעם וואס "קבילו עלייהו דלא יתבטלון מאורייתא לעלם, ואחליפו שמא דקרתא וקארון לה מאתא מחסיא", איז די גזירה בטל געווארן.

און ער איז מבאר אין די הערות, ווי דורך "אחליפו שמא דקרתא כו'" איז בטל געווארן די גזירה, ווייל נוסף אויף דעם וואס שינוי השם (בכלל) איז "מועיל לבטל הגזירה" (ר"ה טז, ב) איז "כפר" און "טרשא" ווייזן אויף גבורות, משא"כ "מתא" און "מחסיא" ווייזן אויף חסדים. און דערפאר איז דורך דעם וואס "החליפו מכפר למתא ומטרשא למחסיא" איז בטל געווארן די גזירה.

ער איז אבער ניט מבאר די שייכות פון ביטול הגזירה מיט דעם וואס "קבילו עלייהו דלא יתבטלון מאורייתא לעלם", פארלאזנדיק זיך, אז מצד הפשטות שבזה וועט מען עס אליין פארשטיין.

י. ויש לומר הביאור בזה:

אין זהר דארט (פאר דעם (קא, א)) ווערט דערציילט, אז די מענטשן פון כפר טרשא זיינען געקומען צו ר' אחא און געבעטן אים אז ער זאל מתפלל זיין אויף זיי, און ר' אחא האט זיי געזאגט "ניזיל לבי כנישתא ונתבע רחמי מן קדם קוב"ה" - וואס דער גיין צו ר' אחא'ן בעטן אים ער זאל מתפלל זיין, און (מכ"ש) דער גיין "לבי כנישתא" בעטן רחמים, איז א התעוררות תשובה - און אעפ"כ האט עס נאך ניט געהאלפן צו מבטל זיין די גזירה.

וואס דערפון איז מובן, אז עס איז געווען אזא ענין, וואס עס איז ניט מספיק (בשביל תיקון הפגם, ו(במילא) גם בשביל ביטול הגזירה - ראה אגה"ת פ"ט בביאור מרז"ל "מה יעשה ויחי'") קיין תשובה תתאה און מען דארף אנקומען צו תשובה עילאה.

און היות אז תשובה עילאה איז "דיתעסק באורייתא", (?) דערפאר האט מען געדארפט אנקומען צו "קבילו עלייהו דלא יתבטלון מאוריתא לעלם" (ויש לומר, דזהו מ"ש בזהר שם (ע"ב) "ואחזר להו בתשובה שלימתא". שקאי על תשובה עילאה. (אגה"ת שם).

יא. נאך א ענין וואס דארף האבן ביאור - אין דעם סיפור (שיחת ש"פ וירא, כ"ף מרחשון, תרצ"ג. נדפס (בקיצור) בהיום יום ע' קג. וראה לקו"ש ח"א פ' וירא, ח"ה כ' מרחשון. שם ע' 321) פון רבי'ן (מוהרש"ב) נ"ע, דער בעל יום ההולדת, וואס ברייננגט זיך אין לקוטי שיחות השבועי:

ווען דער רבי נ"ע איז געווען א קינד פון פיר אדער פינף יאר, בשבת פ' וירא, איז ער אריין צו זיין זיידן כ"ק אדמו"ר הצ"צ (צו מקבל זיין די ברכה בשייכות מיט זיין יום הולדת) און האט זיך פאנאנדערגעוויינט, זאגנדיק: פארוואס האט זיך דער אייבערשטער באוויזן צו אברהם אבינו, און צו אונז (אים) באווייזט ער זיך ניט?

הנחה פרטית בלתי מוגה